**גוט שבת אלע אידן.** יעקב יעקובי (זיין עכטע נאמען) איז אויפגעוואקסן א פרייער איד אין מעקסיקו סיטי אין דעם לאנד מעקסיקו. נאך זיין חתונה, האט יעקב אנגעהויבן צו ארבעטן אין קאנסטראקשאן. ביים אנפאנג איז זיין געשעפט געגאנגען גאר פיין און ער האט גוט פארדינט. אבער, בערך אין תשד"מ איז דער מצב געווארן שווער, ווען דאס "עקאנומי" אין מעקסיקו איז געפאלן. דעמאלט האט קיינער נישט גענומען יעקב צו בויען נייע בנינים. יעקב האט געהאט חובות, ל"ע. למשל, יעקב האט געהאט איין בנין וואס ער האט געבויט אבער ער האט עס נישט געקענט פארקויפן פאר קיינעם. ער האט געהאט אסאך געלט אריינגעלעגט אין דעם בנין. און יעצט, איז דער בנין געווען א שווערע עול אויף אים. ווייל דער מצב איז פשוט געווען אזוי ענג, אז קיינער האט נישט געהאט קיין געלט צו קויפן קיין בנין.

אין יענע תקופה האט יעקב ב"ה אנגעהויבן צו ווערן א בעל תשובה. ער איז אבער נישט געווארן א בעל תשובה איבערנאכט. נאר, צוביסלעך האט ער געלערנט און געלערנט און ער איז געווארן צוביסלעך מער און מער ערליך. ער האט נאך נישט געהיטן שבת. ביז איין פרייטאג אינדערפרי ווען ער און זיין בני בית האבן מחליט געווען צו היטן שבת. כדי צו היטן שבת, האט ער געדארפט פארמאכן דעם געשעפט פריער ערב שבת. אפילו ער האט געמיינט אז דאס וועט אפשר שטערן זיין פרנסה, האט ער עס געטון ווייל ער האט שטארק געוואלט היטן שבת.

דעם זעלבן טאג (ערב שבת) וואס ער האט זיך אינטערגענומען צו היטן שבת, איז אים אינטערגעקומען א גרויסע נסיון. ווייל יעקב האט באקומען א טעלעפאן קאל פון איינעם וואס האט זיך אינטערעסירט אין דעם נייען בנין וואס יעקב האט פאר אזוי לאנג געוואלט פארקויפן. די קויפערס האבן אפגעמאכט אז זיי וועלן קומען 5 אזייגער צו רעדן וועגן קויפן דעם בנין. אפילו עס איז געווען גאר שפעט און דער זמן איז געווען דעמאלט בערך 7:30, האט יעקב נישט געהאט קיין ברירה ווייל די קויפערס האבן נאר מסכים געווען צו קומען 5 אזייגער.

די קויפערס זענען אנגעקומען פונקליך 5 אזייגער און יעקב האט אנגעהויבן צו דורכשמועסן אלע פרטים פון דעם בנין. יעדע פאר מינוט האט יעקב געקוקט אויפן זייגער. דער שמועס צווישן אים און די קויפערס האט זיך לאנג געשלעפט, און די שקיעה האט זיך דערנענטערט. יעקב האט נישט געוואוסט וואס צו טון ווייל ער האט שטארק געוואלט פארקויפן דעם בנין, אבער ער האט אין דעם זעלבן טאג מקבל געווען אויף זיך צו היטן שבת! וואס וועט זיין? באלד וועט עס זיין צו שפעט צו אהיימפארן, אבער באלד וועט עס זיין צו שפעט צו פארקויפן דעם בנין! יעקב האט זיך מיישב געווען וואס ער וויל טון. "רבותי..." האט ער אנגעהויבן צו זאגן פאר די קויפערס...

פאר מיר גייען ענדיגען דער מעשה, לאמיר אביסל רעדן פון ענינים פון אונזערע מעשה וועלכע האבן א שייכות מיט דער וואכעדיגער סדרה. אין פרשת דברים רעדט אויס משה רבינו ע"ה די חטאים פון כלל ישראל. איינע פון די חטאים וואס ער האט אויסגערעכענט איז דאס זינד פון די מרגלים. אין אמת'ן אריין, איז די גאנצע פרשה פון די מרגלים געווען א גרויסע נסיון פאר די אידן, ווייל אזוי ווי משה רבינו זאגט: "ראה נתן ה' אלקיך לפניך את הארץ עלה רש כאשר דבר ה' אלקי אבתיך לך וגו'..." (דברים א,כא) ד"ה דער אייבערשטער האט שוין צוגעזאגט פאר די אידן אז זיי וועלן קענען נעמען ארץ ישראל. וועגן דעם איז די פרשה פון די מרגלים געווען א נסיון צו זען אויב די מרגלים וועלן גלייבן אין השי"ת אדער נישט. און לײדער האבן די מרגלים נישט בייגעשטאנען די נסיון. וועגן דעם האט דער אייבערשטער געשטראפט זיי אז זיי זאלן שטארבן אין דעם מדבר אן זיי זאלן קענען אריינגיין אין ארץ ישראל. מען זעט פון דא דעם ענין פון ביישטייען א נסיון. די ספרים הקדושים זאגן אז דאס גאנץ לעבן איז נסיונות. נאך מער, אויב איינער זעט אז ער האט אויסטערלישע נסיונות אין איין זאך, זאל ער וויסן אז ער איז אראפגעקומען אויף די וועלט צו מתקן זיין דעם געוויסען זאך וואס איז פאר אים אזוי שווער. איז לאמיר ענדיגען אונזער מעשה...

"רבותי..." האט יעקב אנגעהויבן צו זאגן פאר די קויפערס בשעת ער האט זיך אפגעשטעלט. "איך זעה אז מיר קומען נישט צו קיין הסכמה. אפשר קענען מיר רעדן ווייטער מאנטאג אינדערפרי?" דער הויפט קויפער האט אנגעקוקט יעקב מיט אן איבערראשקייט. "פארוואס זאלן מיר נישט ענדיגען יעצט?" האט דער הויפט קויפער געפרעגט.

"איך קען נישט בלייבן מער, איך דארף שוין אהיימגיין. ביטע קומט צוריק מאנטאג אינדערפרי, דעמאלט קענען מיר שליסן דעם געשעפט." די קויפערס זענען נישט געווען אזוי צופרידן אבער, זיי האבן געפאלגט יעקב אין זיי זענען גלייך ארויסגעגאנגען פון זיין אפיס. יעקב האט זיך אהיימגעיאגט. יעקב האט זיך געפריידט אז ער איז בייגעשטאנען דעם נסיון פון היטן שבת.

מאנטאג אינדערפרי זענען די קויפערס נישט צוריקגעקומען. יעקב האט פארלוירען דעם "דיעל." אפילו עס האט ווי געטון פאר יעקב, איז ער צופרידען געווען אז ער האט נישט מחלל געווען שבת קודש וועגן דעם געלט וואס ער האט געקענט פארדינען.

צוויי וואכן שפעטער אין ד' תשרי תשמ"ה, איז געשען א מורא'דיגע געשעניש אין מעקסיקו סיטי, וואס האט איבערגעדרייט דעם גאנצן מצב. עס איז געשען א ריזיגע ערד ציטערניש וואס האט חרוב געמאכט א גרויסן חלק פון דעם שטאט, און אסאך בנינים זענען אראפגעפאלן און מענטשן זענען געשטארבן. אבער, ב"ה, איין בנין איז געשטאנען כאילו גארנישט איז געשען. און דאס בנין איז געווען יעקב'ס בנין. דעמאלט האט יעקב פארקויפט זיין בנין פאר א ריזיגע סכום געלט און ער איז געווארן א גרויסער גביר.

ווען מיר לייענען די ווערטער שטייגען יעקב און זיין בני בית העכער און העכער אין תורה, צדקה און אין מעשים טובים. פון דא זעט מען די סיעתא דשמיא וואס דער אייבערשטער גיבט פאר א מענטש וואס שטייט ביי א נסיון. פון דער מעשה קענען מיר אלע נתחזק ווערן צו ביישטייען אלע נסיונות וועלכע קומען אינטער אין דאס לעבן. דורך ביישטייען נסיונות, קענען מיר מקיים זיין אונזער תפקיד אין לעבן. **גוט שבת אלע אידן.**

נתנדב לע"נ רחל ריקל ע"ה בת ר' יצחק אייזיק הי"ו, נתרם לרפו"ש של הילדה מלכה רייזל בת רחל, שאשא מלכה בת גאלדא, משה דוד בן מרים
לע"נ הרה"ח ר' ברוך (בן ר' יצחק ע"ה) אייזענבערג ז"ל.
**נא לעיין בדף זה לאחר התפילה. לנדב גליון זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למתתי' וואלפבערג (845) 362–3234**
דעו יהודים יקרים מה שכתוב בזוהר: "ומי שמדבר בבית הכנסת בדברי חל, אוי לו!... שמראה שהרי אין לו חלק באלוקי ישראל..." (פר' תרומה קלא:)
מדה טוב מרובה! אויב מ'רעדט דברי תורה און תפילה אין שול איז מען מוסיף חיים, "כי הם חיינו ואורך ימינו..."